# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' ויקרא
תשפ"ב לפ"ק
גליון קנ"ג

## פראגע

**איך האט געזאגט ביים שיעור אז די וועלט איז אמאל געווען בעסער און גליקליכער ווי היינט. האבן דען נישט דאקטוירים, די מעדיצינישע פראפעסיע, פארבעסערט זאכן פאר די מענטשהייט?**

## ענטפער:

און דער ענטפער איז אז זיי האבן גארנישט בעסער געמאכט, און איך וועל עס אייך מסביר זיין. יאגט אייך אבער נישט אוועק, הערט אויס וואס איך זאג.

די מענטשהייט איז געווען **מושלם** פון אנהייב. לויט די ארגינעלע עקאָלאָגיע, האט די קאאפעראציע פון אלע כוחות פון דער נאטור געמאכט אז דאס לעבן זאל זיין די בעסטע און פרייליכסטע, און קיינער האט נישט געדארפט נעמען קיין מעדיצינען, קיינער האט נישט געדארפט קיין וויטאמינען, און זיי האבן געלעבט נאנט צו א טויזנט יאר. דאס איז וויבאלד די טבע האט געארבעט אויפ'ן בעסטן אופן, אזוי ווי זי איז באשאפן געווארן.

כדי די גאנצע טבע זאל ארבעטן ווי עס דארף צו זיין, דארף מען האבן יעדע **רונג אינעם קייט** פון דער נאטור. מען דארף האבן דיינעסאָרס, מען דארף האבן מאַמאַטס-עלעפאנטן, און סייבער-צאן-טיגערס (פארשידענע אלטצייטיגע חיות וואס זענען שוין אויסגעראטן געווארן); יעדע איינס פון זיי איז וויכטיג אין די קייט פון די עקאלאגיע.

ווען מענטשן האבן פרובירט פטור צו ווערן פון וועלף אין אויסטראליע – עס איז געווען א גרויסע קאמפיין אויסצוראטן די וועלף, האבן זיי זיך דערזען מיט אן ערגערע מכה. ראַצן האבן זיך אנגעהויבן פארמערן איבער גאנץ אויסטראליע אין די מיליאנען, און זיי האבן איינגעשלינגען אלע תבואה! און יעצט קוקן זיי צוריק און בענקען זיך צו די גוטע אלטע צייטן ווען די וועלף האבן געהאלטן די ראַצן באפעלקערונג נידריג.

אין פענסילוועניע האבן זיי געמאכט אן אונטערנעמונג פטור צו ווערן פון די שווארצע שלענג. זיי האבן געגעבן א פרייז פאר'ן כאפן שלענג. יעדער איינער וואס האט אריינגעברענגט א שווארצע שלאנג צו די לאקאלע שעריף האט באקומען א סומע געלט. דאן זענען זיי געוואויר געווארן אז די פעלד-מייז האבן זיך אזוי שטארק פארמערט אז זיי מאכן חרוב די תבואה. זיי האבן שנעל צוריקגעדרייט די געזעץ און געגעבן א באפעל אפצולאזן די שווארצע שלענג. ווייל יעדע חיה, יעדע באשעפעניש, יעדע געוויקס, איז קריטיש פאר די ארגינעלע עקאלאגיע.

היינט צו טאגס אויב גייט מען אויף געוויסע פלעצער טרעפט מען זיך ארומגענומען מיט פילע מאסקיטאס, אבער אמאליגע צייטן זענען די מאסקיטאס געהאלטן געווארן אין די ראמען דורך אנדערע גרעסערע אינזעקטן, און דורך פייגלען וואס האבן זיי אויפגעגעסן. אויב די סארט פויגל איז אויסגעראטן געווארן, קענען זיך יעצט די מאסקיטאס פארמערן אן קיין שטער. וועגן דעם איז די וועלט וואס דער אויבערשטער האט באשאפן געווען מושלם.

אבער צוליב די מענטשן, און אויך צוליב אנדערע זאכן, האט דער אויבערשטער געברענגט גזירות אויף דער וועלט און צוביסלעך האבן געוויסע באשעפענישן אנגעהויבן פארשווינדן צו ווערן, איינס נאכן אנדערן. געוויסע פלאנצונגען זענען אויסגעשטארבן, און דערפאר איז די עקאלאגיע, דער באלאנס פון די עקא-סיסטעם געווארן צעשטערט, און יעצט דארפן מיר נוצן אומנאטורליכע מיטלען.

דערפאר, אודאי ווען די דאקטוירים קומען ארויס מיט מעדיצינען איז עס א טובה פאר די וועלט, עס איז אזוי ווי איינער האט געהאט א הערליכע הויז, דער בויער האט אלעס אריינגעלייגט, ער האט געהאט עירקאנדישאנס אונטער יעדע פענסטער, אבער נאך א ווילע זענען די איינוואוינער געווען אזוי לייכטזיניג אז די עירקאנדישאנס האבן אויפגעהערט צו ארבעטן, און

יעצט איז סתם געליגן אומנוצבארע זאכן אין די וואנט, און עס הייבט אן אפצופוילן. קומט יעצט אן ארבייטער, ער נעמט עס ארויס פון די וואנט און עס בלייבט איבער לעכער אין די וואנט פון וואו עס בלאזט אריין אין די ווינטער, און דער ארבייטער דארף יעצט פארשטאפן די לעכער. די לאטעס וואס דער ארבייטער לייגט ארויף איז נישט אזוי גוט ווי די ארגינעלע בילדינג וועלן די עירקאנדישאנס האבן געארבעט און פארשטאפן די אלע לעכער. יעצט ווען מען גייט דורך זעט מען שטיקער פון צעמענטענע ציגל. עס איז נאך אלץ א געוואלדיגע זאך, כאטש קען מען דארט וואוינען, אבער עס איז שוין נישט אזוי גוט ווי עס פלעגט זיין.

די דאקטורים לייגן לאטעס אויף פלעצער וואס איז אמאל געווען נאך סך בעסער און מען זיי נישט געדארפט האבן. אמאליגע צייטן – און מיר רעדן יעצט פון בעפאר'ן מבול, און גלייך נאכן מבול ווען די וועלט איז נאך געווען נענטער צו די מושלמ'דיגע מצב – זענען די באצילן געהאלטן געווארן אין די ראמען דורך די פּראָטאָזאָאַ, די פראטאזאא האבן זיך געשפייזט מיט די באצילן, און די אינזעקטן האבן זיך געשפייזט מיט די פראטאזאא, און די פייגלען און רעפטילן האבן געגעסן די אינזעקטן, און די גרעסערע באשעפענישן האבן זיך געשפייזט אויף די פייגלען און רעפטילן און אזוי ווייטער. במילא איז אלעס געווען א פונקטליכע קייט, און דערפאר איז נישט געווען די אלע קרענק און מחלות וואס איז געווארן שפעטער.

אודאי ווען עס קומען מענטשן און באווייזן צו פארשטאפן די לעכער מיט ציגל קומט זיך צו א הכרת הטוב פון אונז. זיכער האבן דאקטורים געטון א געוואלדיגע ארבעט ארויסצוהעלפן די מענטשהייט לויט די יעצטיגע אומשטענדן.

לאמיר זאגן איינער קומט היינט און טרעפט אויף א פלאן צו פילטערן די וואסער און עס מאכן זויבער, עס איז א געוואלדיגע זאך! אבער ווען קאלאמבוס איז געקומען קיין אמעריקע האט עס נישט אויסגעפעלט, ווייל די וואסער איז געווען אזוי זויבער ווי עס ס'קען נאר זיין. ווען קאלאמבוס האט געשטעלט זיינע פיס אויף די ערד פון די אינזלען, האט ער געטראפן וואסער וואס איז געווען זיס און ריין. קיינער האט נישט געדארפט ארײנלייגן קיין פלאָרייד דערין. אבער וויבאלד די מענטשהייט האט עס פארשמוצט, יעצט דארף מען האבן איינעם עס צו רייניגן.

במילא, וויבאלד זאכן זענען פארערגערט געווארן, דארפן מיר האבן דאקטורים. עס איז קיין שום פראגע אז זיי טוען א געוואלדיגע ארבעט.

## פראגע

**פארוואס האט אברהם אבינו נישט געזאגט דעם אמת פאר אבימלך אז שרה איז זיין ווייב און זיך פארלאזט אויפ'ן אויבערשטן אז עס וועט אים נישט פאסירן קיין שלעכטס?**

## ענטפער:

אברהם אבינו האט געלערנט די יסודות פון עבודת השם, און צו דינען דעם אויבערשטן פעלט זיך אויס צו נוצן וויפיל שכל עס איז נאר מעגליך. נישט צו זיין סתם א פרומער שוטה; מען דארף זיין א פרומער דיפלאמאט.

ווען אברהם האט געזאגט "זי איז מיין שוועסטער" איז די פלאן געווען אז אבימלך וועט אנהייבן צו פאראהאנדלען מיט אים, אין פאל ער האט געלייגט זיין אויג אויף שרה. עס איז נישט געווען זיכער אז ער וועט עס טון. אבימלך האט געהאט היבש ווייבער, און אפשר וואלט גארנישט פאסירט.

אבער אויב אבימלך פרעגט וועגן איר, סתם צו זאגן גלייך "זי איז מיין ווייב" וואלט געמיינט אז אברהם וואלט נישט דערלעבט דעם קומענדיגן טאג. ווי איך האב שוין געזאגט, אבימלך איז געווען א פרומער גוי און ער וואלט "גע'כשר'ט" די חתונה-געהאטע פרוי דורכ'ן הרג'ענען איר מאן. אברהם האט געוואלט פארדינען צייט, האט ער געזאגט "זי איז מיין שוועסטער". אינצווישן – האט ער געטראכט – אויב אבימלך הייבט אן צו מישן א קאשע, קען ער אנטלויפן אינמיטן די נאכט און זיך ראטעווען מיט שרה. אויב אויב זאל ער ווען גראד זאגן אז זי איז זיין ווייב איז אלעס דערנאך. אברהם וואלט גע'הרג'עט געווארן, און אבימלך וואלט סייווי גענומען שרה.

דערפאר איז עס שכל אפצושטיפן, נישט ארײנצולייגן דאס לעבן אין א באלדיגע סכנה, נאר פרובירן צו פאראהאנדלען ביז מען זעט אז ס'איז נישט דא קיין אנדערע וועג ארויס, און דאן טון די בעסטע וואס מען קען.

מיט'ן זאגן סתם "זי איז מיין ווייב" וואלט אברהם נישט געווען קיין פרומער עבד ד', ער וואלט ווען געווען א שוטה און וואלט קריטיקירט געווארן דערויף. אנשטאט דעם גיבט די תורה א ביישפיל וואיזוי א מענטש זאל לעבן און פרובירן צו בלייבן לעבן.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

סידור ועימוד ע"י מערכת להתענג וכל הזכויות שמורות


דער צווייטער באנד!
פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
ארויס פון דרוק!
מהדורת שלמה
רבי אביגדור
ענטפערט
2
אייגנארטיגע תשובות אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
אידיש!
פרישע הונדערטער
פראגעס און ענטפערס
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה
דערקוויקט אייער
מח און נשמה!
פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1
א וואך
מועדים $3

ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8Ozcjl4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב